**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט כמעט $23 מיליאן אין גרענטס פאר 76 קאמיוניטיס צו העכערן קלוגע, אנהאלטנדע און גלייכע קאמיוניטי וואוקס**

***פינאנצירונג דורך דריי אייגנארטיגע דעפארטמענט פון סטעיט פראגראמען וועלן העלפן געמיינדעס אויפלעבן וואסערפראנטן, איבערמאכן פארלאזטע ביזנעס ערטער און אנטוויקלן ענווייראנמענטאלע אויפהאלטנדע געגנטער***

***איבער 50 פראצענט פון געמיינדעס וואס ווערן געשאנקן געלטער סערווירן ארימע און נאכגעלאזטע געמיינדעס***

***פינאנצירונג פאר פראגראמען זענען ארייגערעכנט געווארן אין רונדע XII פון די רעגיאנאלע עקאנאמישע דעוועלעפמענט קאונסיל איניציאטיוו - פולע ליסטע פון REDC גרענטס [דא]***

גאווערנער קאטי האקול האט היינט געמאלדן איבער $22 מיליאן אין גרענט געלטער זענען געשאנקן געווארן פאר 76 געמיינדעס דורכאויס די סטעיט דורכאויס רונדע XII פון די רעגיאנאלע עקאנאמישע דעוועלעפמענט קאונסיל איניציאטיוו צו העכערן קלוגע, אויפהאלטנדע און גלייכע קאמיוניטי וואוקס. די געלטער וועלן העלפן געמיינדעס אויפלעבן זייערע וואסערפראנטן, אויפרייניגן און איבערמאכן פארלאזטע ביזנעס ערטער און אנטוויקלן געגנטער וואס זענען ענווייראנמענטאלי אויפהאלטנד דורך דריי אייגנארטיגע דעפארטמענט פון סטעיט פראגראמען:

1. לאקאלע וואסערפראנט אויפלעבן פראגראם - $16.4 מיליאן פאר 23 געמיינדעס
2. ברוינפעלד געלעגענהייט אפטיילונג פראגראם - $4 מיליאן פאר 19 געמיינדעס
3. קלוגע וואוקס קאמיוניטי פלאנירונג און זאונינג פראגראם - $2.4 מיליאן פאר 34 געמיינדעס

איבער 58 פראצענט פון די 76 געמיינדעס וואס ווערן געשאנקן גרענטס וועלן סערווירן ארימע און נאכגעלאזטע געמיינדעס.

"מיר זעצן פאר צו אינוועסטירן אין קלוגע, אויפהאלטנדע, און גלייכע וואוקס אין געמיינדעס דורכאויס די סטעיט צו געבן פאר ניו יארקער א ריינערע, לעכטיגער צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** די געלטער וועלן העלפן געמיינדעס אויפלעבן וואסערפראנטן, אויפרייניגן, און איבערמאכן פארלאזטע ביזנעס ערטער און אנטוויקלן ענווייראנמענטאלי אויפהאלטנדע געגנטער - אלע הויפט פאקטארן צו א געזונטע און ווירבלדיגע קאמיוניטי. מיר זענען צופרידן צו זעהן די פאזיטיווע אויסקום פינאנצירונג וועט האבן אויף די געמיינדעס און זייערע איינוואוינער."

"אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע טוט פארזעצן צו וואקסן שטערקער ווי סיי ווען, און די רעגיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס שטייען גרייט אייך צו העלפן מיט וואס אימער זיי קענען," ***האט***

***לוטענינט גאווערנער דעלגאדאו געזאגט.*** "די פארשידענע גרענטס האבן א ברייטע, סאסטעינעבל דערגרייך פון הייבן אונטערגענוצטע וואסערפראנטן צו אויפרייניגן און אנטוויקלן נאכגעלאזטע פעלדער. די פראיעקטן צאלן זיך אויס פאר די קאמיוניטיס וואס זיי סערווירן און צו אלע וואס באזוכן זיי."

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט י. ראדריגעז זאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אויפהאלטנדע און גלייכע קאמיוניטי וואוקס טוט שאפן א טויש אין אויפלעבונג דורכאויס די סטעיט, מאכנדיג ניו יארק א שטארק פארלאנגטע לאקאציע פאר פאמיליעס פון אלע עלטער, הונטערגרונדן און איינקונפטן, ווי אויך ביזנעסער און טוריזם. די גרענט פינאנצירונג וועט פאראויס שטופן ניו יארק'ס וואוקס דורך ערלויבן קאמיוניטיס צו פלאנירן זייער אייגענע עקאנאמישע צוקונפטן דורך פראיעקטן וואס פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר עקזיסטירנדע איינוואוינער און טוריסטן, בשעת שפינען עקענאמישע וואוקס פאר דורות וואס קומען."

**לאקאלע וואסערפראנט אויפלעבונג פראגראם - ($16.4 מיליאן)**

די לאקאלע וואסערפראנט אויפלעבונג פראגראם ( Local Waterfront Revitalization Program, LWRP) טוט געבן גרענטס פאר קאמיוניטיס צו אנטוויקלן א קאמיוניטי-געטריבענע פלאן מיט א אויסקוק פאר זייער וואסערפראנט, געפירט דורך עטליכע ענווייראנמענטאל פאליסיס צו פארזיכערן פראיעקטן ארבעטן צוזאמען מיט וואסערפראנט נאטורליכע מיטלען און עקאסיסטעמס.

די פראיעקטן פינאנצירט דורך די EPF-LWRP ווען העלפן לאקאלע געמיינדעס איסברייטערן פאבליק צוטריט און באשיצן די ענווייראנמענט, בשעת אויך פארבעסערן טוריזם און עקאנאמישע דעוועלעפמענט געלעגנהייטן. די גרענטס טוען דעקן פארשידענע פלענער, אויסשטעלן און בויען פראיעקטן וואס קאנצענטרירן זיך אויף עקאנאמישע, קאמיוניטי, ענווייראנמענטל און רעקריעשאנעל פארבעסערונגען, פארשטערקנדיג גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארבעסערן סיי לאקאלע עקאנאמיעס און די ענווייראנמענט.

דאס יאר, איז א סך הכל פון $16.4 מיליאן געווארן געגעבן צו 23 געמיינדעס; 15 פון די גרענטס (60%) אין ווערט פון א סך הכל $12.3 מיליאן, וועט סערווירן ארימע און נאכגעלאזטע געגענטער. א ליסטע פון קאמיוניטיס וואס באקומען גרענטס איז אוועילעבל [דא](#).

**ברוינפעלד געלעגנהייט אפטיילונג פראגראם ($4.1מיליאן)**

די ברוינפעלד געלעגנהייט אפטיילונג (Brownfield Opportunity Area, BOA) פראגראם טוישט ברוינפעלד ערטער - געגנטער אדער ערטער דורכאויס א קאמיוניטי וואס איז שווער באטראפן געווארן פון עכטע אדער איסגעטראכטע ענווייראנמענטל צושטאנדן - פון לייעביליטיס צו קאמיוניט אסעטס, וואס טוט דאן פארשאפן און שטיצן נייע ביזנעסער, ארבעט, הויזינג און פאבליק איינריכטונגען.

דער פראגראם באזארגט גרענטס פאר BOA פלענער וועלכע, נאכ׳ן פארענדיגן, ווערן אריינגעגעבן צום ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט פאר באוויליגונג, אדער ״באשטימונג״. אויספירונג פראיעקטן זענען אין איינקלאנג מיט באשטימטע BOA פלענער צו באקומען פריאריטעט סטעיט פינאנצירונג און זענען אויך בארעכטיגט צו נאך 5% ברוינפעלד איבערמאכן שטייער קרעדיט געגעבן געווארן דורך די אפטיילונג פון ענווייראנמענטל אפהיטונג. די BOA פראגראם טוט אויך שענקן גרענטס פאר פרי-דעוועלעפמענט אקטיוויטעטן אין סטעיט-דעזיגנירטע BOAs, אזוי ווי ענווייראנמענטאל, הויזינג און עקאנאמישע שטודיעס, אינפראסטרוקטור אנאליזן, מארקעטינג סטראטעגיעס, גענעראלע מיטיילונג און זאונינג און רעגילעטארי אפדעיטס און חלק II ענווייערנמענטאל סייט אפשאצונגען. די סטעיט האט יעצט 67 דעזיגנירטע BOAs, פון וועלכע 56 (83%) סערווירן ארימע און נאכגעלאזטע געמיינדעס.

א סך הכל פון $4.1 מיליאן איז די יאר געשאנקן געווארן צו 19 געמיינדעס, 11 פון די גרענטס (58%), אין ווערט פון א סך הכל $2.4 מיליאן, וועלן סערווירן ארימע געמיינדעס. א ליסטע פון קאמיוניטיס וואס באקומען גרענטס איז אוועילעבל דא.

**קלוגע וואוקס פלאנירונג און זאונינג גרענט פראגראם ($2.4 מיליאן)**

די קלוגע וואוקס פלאנירונג און זאונינג גרענט פראגראם באזארגט גרענטס צו געמיינדעס וואס אנטוויקלען מונציפיל גרינטליכע פלענער און זאונינג געזעצן, ווי אויך אנגעצייכנטע ארט פלאנירונג און זאונינג, אזוי ווי דאונטאון, צענטראלע ביזנעס דיסטריקט און טראנזיט-געשטימטע דעוועלעפמענט דיסטריקטס. געמיינדעס מוזן זיך פארפליכטען אריינצושטעלן די פרינציפן פון קלוגע וואוקס אין זייער פלאנירונג און זאונינג, אריינגערעכנט:

1. גרינגע צו גיין, גרינג צו פארן מיט א ביזיקל, טראנזיט-פריינטליכע גאס אויסקוקן;
2. קאמפאקט, געמישטע-באניץ קאמיוניטי אויסשטעל;
3. לעבהאפטע דאונטאון געגנטער און אנדערע מוניציפאלע צענטערס;
4. א פארשידנקייט פון האָוזינג אפציעס פאר יעדע מאס איינקונפט, עלטער און פעאיגקייט;
5. זיכערע, צוטריטליכע פובליק ערטער;
6. גענוג פארקס און דרויסנדיגע הנאה'דיגע געלעגנהייטן; און
7. גרינע געביידעס און אינפרעסטרוקטער.

א סך הכל פון $2.4 מיליאן איז די יאר געשאנקן געווארן צו 34 געמיינדעס; 18 פון די גרענטס (53%), אין ווערט פון א סך הכל $612,000 מיליאן, וועלן סערווירן ארימע געמיינדעס. א ליסטע פון קאמיוניטיס וואס באקומען גרענטס איז אוועילעבל דא.

אלע די אויבנדערמאנטע גרענטס ווערן פינאנצירט דורך די סטעיט'ס ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאנד, וועלכע גאווערנער האקול האט געהעכערט פון $300 מיליאן צו $400 מיליאן אין די געזעצליכע בודזשעט פאר פיסקעל יאר 2023. דער דעפארטמענט פון סטעיט, דורך די ענווייראמענטאלע באשיצונג פאנד שטעלט צו גלייכע גרענטס אויף א קאמפעטישן וועג פאר בארעכטיגטע ביזנעסער דורכאויס ניו יארק סטעיט און אירע ברעגעס אדער דעזיגנירטע אינלאנד וואסערוועיס פאר פלאנירונג, אויסשטעל און בוי פראיעקטן צו אויפלעבן קאמיוניטיס און וואסערפראנטן. די פראגראמען העלפן אריינבלאזן נייע לעבן אין קאמיוניטי אסעטס אין וועגן וואס פארזיכערן ווירקזאמע און אויפהאלטנדע אויפלעבונג.

פינאנצירונג פאר די פראגראמען זענען געווארן אריינגערעכנט אין רונדע 12 פון די רעגיאנאלע עקאנאמישע דעוועלעפמענט קאונסיל איניציאטיוו דורך די CFA ריסאורסעס און זעלבסטשטענדיגע פראגראמען. די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ראיאנישע קאונסילס האבן איבערגעקוקט פראיעקטן פון דעם פראגראם און האבן געגעבן צייכנס וואס שפיגלען אפ ווי גוט א פראיעקט איז אין ליניע מיט דעם ראיאן'ס ציהלן און סטראטעגיעס. אפליקאנטן האבן אויסגענוצט ניו יארק'ס צוזאמגעשטעלטע פינאנצירונג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA), די סטעיט'ס איינצלנער אפליקאציע פאר סטעיט רעסארסן, און רעכנט אריין פראגראמען פון מערערע אגענטורן. עס איז אויסגעשטעלט צו צושטעלן שנעלערע און גלאטערע צוטריט צו א ברייטע רייע פון גרענט קאסעס און טעקס קרעדיטס פון צענדליגע עקזיסטירנדע פראגראמען. א פילע ליסטע פון פראיעקטן געשאנקן דורך רונדע 12 פון די REDC איניציאטיוו קען מען טרעפן דא.

**איבער די קאַנסאַלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**

דער קאָנסאַלידעיטעד פאַנדינג (פאראייניגטע פינאנצירונג) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. דער CFA פראצעס צייכנט אפ א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA [דא](#).

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסניי אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אויף [regionalcouncils.ny.gov](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](#)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](#) | 518.474.8418